אידיש

בסייעתא דשמיא


# זרע שמשון


געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וואכעדיגע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק און גאון
רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.







## אמרות שמשון

### 'איסור טומאה למתים' גייט אן אלע דורות | אהרן הכהן איז זוכה צוליב זיין יראת שמים | קדושה פון כהנים טוט זיך אפ נישט אפילו היינטיגע צייטן

**וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו (כא, א):** דער מדרש (ויק"ר כו, ו), אויפן ארט זאגט אויפן פסוק: **הדא הוא דכתיב** (תהלים יט, י), **יִרְאַת יְיָ טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד. א"ר לוי מיראה שנתיירא אהרן מלפני הקב"ה זכה וניתנה לו פרשה הזו שאינה זזה ממנו ולא מבניו ולא מבני בניו עד סוף כל הדורות, ואיזה זה פרשת המת שנאמר אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים וגו'.**

רבי לוי זאגט: צוליב די גרויסע יראת שמים פון אהרן הכהן, (וואס ער האט מורא געהאט צו ווערן כהן גדול, און מורא געהאט אז ער האט מועל געווען אין די שמן המשחה - מפרשים), דערפאר האט אהרן הכהן זוכה געווען און באקומען די פרשה פון 'איסור טומאה למתים' (פרשת אמור על הכהנים). וואס איז געזאגט געווארן צו אים און צו זיינע קינדער, און וועט זיך נישט אפטון פון אים עד סוף כל הדורות.

שטעלט זיך די פראגע, די פרשה פון איסור טומאה למתים וועלכע באלאנגט פאר כהנים איז נישט די איינציגסטע מצוה וואס גייט אן אלע דורות, מיר געפונען נאך הלכות וואס גייט אן ביי כהנים עד סוף כל הדורות, (איסור פון חתונה האבן מיט א 'גרושה' און 'חללה', און נאך).

אויב אזוי פארוואס האט דער אויבערשטער געדארפט באזונדער צוזאגן ביי די מצוה פון 'איסור טומאה למתים' מער פון אנדערע מצות, אז דאס וועט פארבלייבן עד סוף כל הדורות?

מען קען דאס פארענטפערן, אז אינ'אמת'ן וואלט מען געקענט זאגן אויב א כהן ווערט טמא, גייט אוועק פון אים די גאנצע 'קדושת כהנים' און האט מער נישט דער איסור פון זיך מטמא זיין. אזוי אויך היינטיגע צייטן ווען מען פארמאגט נישט די 'אפר הפרה' און מ'קען זיך נישט רייניגן, איז נישט פארהאן די קדושה פון כהנים און זיי מעגן זיך מטמא זיין אזוי ווי גאנץ כלל ישראל.

דערפאר האט ספעציעל אויסגעפעלט ביי די מצוה פון 'טומאה למתים' אז דער אויבערשטער זאל צוזאגן פאר אהרן הכהן אז די פרשה גייט בלייבן ביי אים און זיינע קינדער אפילו היינטיגע צייטן וואס זיי זענען טמא, וועט די קדושה פארבלייבן אויף זיי, און די קדושה וועט זיך נישט אפטון פון זיינע דורות, און דער אויבערשטער וועט ווייטער רוען צווישן זיי אפילו מיט זייער טומאה.

❖❖❖

מיט דעם קען מען ערקלערן די לשון הפסוק, **אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים 'בְּנֵי אַהֲרֹן'**, פארוואס דארף די תורה צולייגן 'בני אהרן' (יעדער כהן שטאמט ממילא פון אהרן הכהן)?

לויט די אויבנדערמאנטע פשט פארשטייט מען, די תורה ברענגט ארויס אז דאס וואס די כהנים האבן זוכה געווען אז זייער קדושה בלייבט אויף שטענדיג, דאס קומט צוליב דעם וואס זיי זענען 'בני אהרן', און אהרן הכהן האט דאס זוכה געווען צוליב זיין געוואלדיגע יראת שמים, (אזוי ווי עס שטייט אין די אויבנדערמאנטע מדרש **מיראה שנתיירא אהרן** וכו').

(פרשתינו אות א')

### כהנים זענען הייליגער און אפגעשיידט פון די וועלט | די קדושה ווערט אויסגעמישט מיט די טומאה | פרה אדומה נעמט אוועק די טומאה

**וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו (כא, א):** עס ווערט געברענגט אין 'מדרש' (במדבר רבה יט, ד): **אמר רבי יהושע דסכנין בשם רבי לוי, על כל דבר ודבר שהיה אומר הקדוש ברוך הוא למשה אומר לו טומאתו וטהרתו, כיון שהגיע לפרשת אמור אל הכהנים אמר לו משה, רבש"ע אם נטמא זה במה תהא טהרתו? לא השיבו, באותה שעה נתכרכמו פניו של משה. כיון שהגיע לפרשת פרה אדומה, אמר לו הקדוש ברוך הוא באותה שעה שאמרתי לך אמור אל הכהנים ואמרת לי אם נטמא במה תהא טהרתו לא השבתיך, זו טהרתו, ולקחו לטמא מעפר שרפת החטאת.**

רבי יהושע זאגט: אויף יעדע זאך האט דער אויבערשטער איבערגעגעבן פאר משה רבינו אירע הלכות טומאה, און הלכות ווי אזוי מען קען ווערן טהור. אבער ווען עס איז אנגעקומען צו 'פרשת אמור' (טומאת מת), האט משה רבינו געפרעגט אויב ווערט מען טומאה, ווי אזוי ווערט מען טהור? און דער אויבערשטער האט אים נישט געענטפערט.

ווען משה רבינו האט געזען ווי דער אויבערשטער וויל אים נישט ענטפערן, איז זיין געזיכט פארוויטלט געווארן.

שפעטער ווען דער אויבערשטער איז אנגעקומען צו די פרשה פון 'פרה אדומה', האט דער אויבערשטער געזאגט צו משה רבינו, דאס וואס דו האסט געפרעגט אין פרשת אמור וואס איז די טהרה, און איך האב דיר נישט געענטפערט, יעצט זאג איך דיר, די טהרה איז **ולקחו לטמא מעפר שריפת החטאת וגו'**.

דארף מען פארשטיין, פארוואס האט משה רבינו געפרעגט אין פרשת אמור, וואס איז די טהרה אויב א כהן ווערט טמא? און פארוואס האט עס אזוי שטארק געבאדערט פאר משה רבינו אז דער אויבערשטער האט אים נישט גלייך געזאגט וואס איז די טהרה?

מען קען ערקלערן פשט, ווען משה רבינו איז אנגעקומען צו פרשת אמור, איז אים שווער געווארן, כהנים זענען דאך אפגעשיידט און אפגעטון פון די וועלט, און דאס איז זייער מעלה איבער כלל ישראל, זיי זענען הייליגער מיט א גרעסערע קדושה.

ווען משה רבינו האט געהערט אז זיי קענען טמא ווערן, און נישט געהערט אז זיי קענען זיך רייניגן פון זייער טומאה, האט ער געמיינט אז אויב א כהן ווערט טמא וועט ער פארבלייבן מיט זיין טומאה און פארלירט זיין הויכע דרגה פון א כהן.

און דאס האט זייער וויי געטון פאר משה רבינו.

איי וועט מען פרעגן, פארוואס האט משה רבינו נאר מורא געהאט ביי כהנים אז אויב זיי ווערן טמא קענען זיי נישט באקומען קיין טהרה. וואס איז דאס אנדערש פון יעדע מאל וואס א מענטש זינדיגט, און פארלירט זיין קדושה, (וואס דאס איז גלייך ווי ער ווערט טמא)?

וויבאלד משה רבינו האט געהאלטן, אויב א מענטש פאלט דורך מיט א עבירה, מיינט דאס אז אנשטאט דעם וואס ער האט געקענט טון א מצוה אדער נישט טון א עבירה, וואס דערמיט וואלט ער ארויסגענומען די קדושה וואס ליגט אין די טומאה. האט ער אין די צייט געטון א עבירה, דערמיט איז די קדושה פארבליבן אין די טומאה.

אבער א כהן איז אנדערש, א כהן איז אפגעשיידט פון די וועלט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (דברי הימים א', כג, יג), **וַיִּבָּדֵל אַהֲרֹן לְהַקְדִּישׁוֹ קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הוּא וּבָנָיו עַד עוֹלָם לְהַקְטִיר לִפְנֵי ה' לְשָׁרְתוֹ וגו'**, ער איז אפגעשיידט און הייליגער פון די גאנצע וועלט. און אויב ער ווערט טמא גייט אוועק פון אים דאס גאנצע קדושה, וויבאלד מיטן ווערן טמא, ווערט די קדושה אויסגעמישט מיט די טומאה.

דעריבער האט משה רבינו נישט געוואוסט וואספארא תיקון קען מען טון אז די קדושה זאל צוריק קומען צו איר ריכטיגן ארט.

דאס איז געווען די גרויסע צער פון משה רבינו ווען ער האט געהערט פונעם אויבערשטן אז א כהן קען ווערן טמא, אבער נישט געהערט אז א כהן קען צוריק קומען צו זיין פריערדיגע מדריגה און ווערן גערייניגט.

שפעטער ווען משה רבינו איז אנגעקומען צו די פרשה פון 'פרה אדומה', דעמאלטס איז אנטפלעקט געווארן א נייע סארט וועג ווי אזוי מען קען זיך רייניגן, מען רייניגט דער מענטש פון די טומאה, מען טוט אפ די טומאה פונעם מענטש, אזוי בלייבט איבער בלויז די קדושה, און עס קערט זיך צוריק צו איר פריערדיגע מדריגה. (ועיי"ש).

(פרשתינו אות ב')


הוצאת הגליון והפצתו להצלחת צבי יצחק דוב בן גיטל חיה וזוג' מרים סאבל בת אסתר ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים

# פניני שמשון

## פנינים יקרים ככתבם וכלשונם

### תורתו של רשב"י

**אמר ר' שמעון בן יוחאי יו"ד שנטל הקב"ה משרי היה טס ופורח סביב כסאו של הקב"ה ואומר לפניו, רבש"ע הוצאתני משמה של צדקת בשביל שאני קטנה של אותיות, עד שנתנה הקב"ה בשמו של יהושע דכתיב ויקרא משה להושע בן נון יהושע.** (ילקוט לך לך רמז פב). ידוע (מנחות כט:) שהעולם הזה נברא בה"א והעולם הבא ביו"ד, והיו"ד לא היתה רוצה לזוז משם שרי ואדרבא היתה רוצה שהקב"ה ישיב לשרה שעיקר תולדותיהם של צדיקים הם המעשים טובים והעוה"ז אפשר להתקיים ע"י אחרים כמו שאמר בן עזאי (יבמות סג:), ואם היה הקב"ה מניח היו"ד בשם שרי, אין הכי נמי שלא היתה מולדת בנים, אמנם מעשיה הטובים יהיו לה כמו בנים, וממנה היו לומדים כל הצדיקים לעשות כבן עזאי ויהיו מתעסקים בתורה יותר מטעם דריחיים בצווארו ויעסוק בתורה (קידושין כט:) והקב"ה נתן לה הה"א שהיא דוגמת העוה"ז כדי שתוליד בנים לקיום העולם, **וכדי שילמדו שאר הצדיקים להתעסק בפריה ורביה לקיום העולם שהיא מצוה רבה כנודע.** (זרע שמשון פרשת לך לך אות י)

**רבי שמעון בן יוחאי אומר מרגלית טובה היתה תלויה בצווארו של אברהם שכל חולה שרואה אותה מיד מתרפא (ב"ב טז:).** והקשה בעל עמודיה שבעה דאם כן למה לא הסתכל אברהם במרגלית טובה שהיתה על צווארו ומדוע סבל צער וכאב בחינם עד שהוצרך הקב"ה לשלוח מלאך שירפא אותו. ועוד קשה מדוע לא מצינו שהמלאכים שבאו לבית אברהם ריפאו גם את ילידי ביתו שנימולו איתו. ולדידן לא קשיא מידי, שאין הכי נמי שילידי ביתו נתרפאו מיד או ביום ראשון או ביום שני, לפי שנסתכלו במרגלית שבצווארו, אבל אברהם לא רצה להסתכל בה כדי לקבל יותר שכר, דלפום צערא אגרא (אבות פרק ה משנה כג). ועוד לפי שמצוה זו היא אחת מעשרה נסיונות שלו אם היה מתרפא מיד לא היה זה נחשב לנסיון, שהיו אומרים העולם שהטעם שנתרצה אברהם לציווי המקום של המילה, לפי שהיה יודע שיש בידו לרפאות עצמו מיד, **ומשום הכי לא רצה להסתכל באבן אלא רצה לעמוד כך בחולי המכה שלו כדי להראות לכל העולם שהוא סובל הצער של המילה באהבה ושמח בה, ומשום הכי מדה כנגד מדה בא הקב"ה לרפאותו.** (זרע שמשון פרשת וירא אות א)

**אמר ר' יוחנן משום ר' שמעון בן יוחי כל הקובע מקום לתפלתו אויביו נופלים תחתיו, שנאמר (שמואל ב ז י) ושמתי מקום לעמי ישראל ושכן תחתיו. (ברכות ז:).** שידוע שהמזיקים כשמם כן הם שכוונתם תמיד להזיק לאדם, ולכן כשאדם קובע מקום ומזמין הקדושה אין להם למקטרגים עוד מקום מלמעלה [וכמו שכתבו חכמי האמת לבאר הטעם שצריכים הדיינים לקבוע מקום לחליצה, כי להרחיק את המזיקים צריך הזמנה וקביעות מקום], וזהו מה שאמר אויביו נופלים תחתיו, **שהיא מדה כנגד מדה ממש, הוא קובע מקום להשרות השכינה שהוא מקומו של עולם כמו שאמרו רז"ל על פסוק הנה מקום אתי (שמו"ר מו ו), אף אויביו שהם המזיקים אינו מן הראוי שיהיה להם מקום להיות נצבים נגדו,** כי הוא בעל המקום ולא הם, ונופלים תחתיו לעומקא דתהומא רבה, והרי זה נגד הטעם הנ"ל כדי להרחיק החיצונים. (זרע שמשון פרשת האזינו אות ו)


## הופיע




הננו להודיע כי יצא לאור הספר
הראשון שחיבר רבנו הזרע שמשון
ספר **'תולדות שמשון'** על פרקי אבות
בהוצאה מפוארת באותיות גדולות
מאירות עיניים ומנוקד
ניתן להשיג בחנויות הספרים
ארץ ישראל, ארה"ב, לונדון
לפרטים 05271-66450 347-496-5657


# גבורת שמשון

## סיפורי ישועה

### פאַרשלעפט אין שידוכים | פארמאגט נישט קיין ישוב הדעת | א זרע שמשון שידוך | שלעפט מיט נאך פיר שידוכים | מגלגלין זכות

**עס פארציילט הרב ק. שליט"א פון וויליאַמסבורג אין א שמועס צו הרב בנימין פאשקעס שליט"א:** איך האב געהאט א פיינע זון וואס איז געווען א עלטערע בחור און עס איז נישט געגאנגען קיין שידוכים, עס איז אריבער א לענגערע צייט וואס מיר האבן זיך שטארק געמוטשעט, טראץ וואס שדכנים האבן כסדר גערופן מיט געדאנקן איז יעדע שידוך פאַרהאַקט געווארן אינמיטן וועג, איך האב נישט געוואוסט וואס מ'קען טון צו אונטער שמירן די רעדער אז שידוכים זאלן זיך אנהייבן רוקן.

די שווערע סוגיא פון שידוכים דארף מען נישט מסביר זיין, אבער ביי מיר איז דאס שווערקייט געווען אויף צוויי פראָנטן, צוערשט דער פאקט אז מ'פאַרמאָגט א עלטערע זון אין שידוכים וואס פארשאפט נישט קיין איבעריגע נחת. צווייטנס, זיין פארנומען מיט א שידוך פאר עטליכע וואכן אדער חדשים, אריינלייגן אָן אַ צאָל שעות און קאָפּ ווייטיג, נישטערן אינפארמאציע, זיך נאכפרעגן אא"וו, און נאכדעם זאל זיך אלעס אויסלאזן מיט גארנישט, דאס האט ביי מיר צוגענומען אסאך מנוחת הדעת והנפש.

ערגעצוואו - צווישן איין שידוך אין א אנדערע - וואס האט זיך אויסגעלאזט מיט א גארנישט, האב איך זיך דערוואוסט פון דער הייליגן ספר 'זרע שמשון', איך האב עס געקויפט און אנגעהויבן צו לערנען, מיט א שטארקע האפנונג אז בזכות לערנען דער ספר און מקיים זיין בקשת המחבר וועל איך געהאלפן ווערן מיט א שידוך פאר מיין זון.

א קורצע ווײלע שפעטער, האט א שדכן גערופן מיט א געדאנק, און ב"ה די שידוך האט זיך אנגעהויבן צו רוקן פאראויס.

צו באמערקן: וויבאלד מיין זון איז שוין געווען עטליכע יאר אין שידוכים, ווי שידוכים זענען כסדר ארויפגעקומען און אראפגעגאנגען פון טיש איינס נאכן צווייטן, האב איך זיך קיינמאל נישט געאיילט אהיים צו רופן מיין זון פון ישיבה, נישט וועלנדיג צולייגן איבריגע ווייטאגן, אבער ווען עס געקומען צו דעם שידוך, האב איך געשפירט א געוויסע פארלייכטערונג אין הארץ, שפירנדיג אז דאס וועט זיין די ענדגילטיגע שידוך בס"ד.

מיט א רואיגער הארץ האב איך אריבער געברענגט מיין חתן-בחור, און ב"ה ס'איז געפארן געשמירט און די שידוך איז צושטאנד געקומען אין א מזל'דיגע שעה.

די שידוך ווערט ביי מיר פארצייכנט אלץ **'א זרע שמשון שידוך'** ווי דער הייליגער זרע שמשון האט איבערגענומען די לייצעס פונעם שידוך, וויבאלד גלייך נאכדעם וואס איך האב אנגעהויבן צו לערנען איז ארויפגעקומען בלויז די שידוך, וואס האט זיך געענדיגט א קורצע צייט שפעטער בשעה טובה ומוצלחת, אן קיין איבריגע קאפ ווייטאג און צייט פארשווענדעניש.

**פארציילט ווייטער הרב ק. שליט"א:** מיין זון - דער פרישער חתן, האט געהאט נאך פיר חברים וואס זענען אויך נאך געשטאנען אויף די ליסטע פון שדכנים, און געווארט אומגעדולדיג צו קענען אויפשטעלן זייערע אייגענע שטיבער.

ווען מיין זון איז צוריקגעקומען אלץ חתן, האט ער זיי פארציילט זיין 'זרע שמשון שידוך' און זיי פארגעשלאגן זיי זאלן אליינס אויספּראָבירן דאס ווירקזאַמע סגולה פון לערנען 'זרע שמשון. זיי האבן טאקע אלע אנגעהויבן צו לערנען דעם ספר, און ב"ה פיר חדשים שפעטער זענען שוין אלע געווען חתנים בשעה טובה ומוצלחת!

**פירט אויס הרב ק. שליט"א:** 'ר' בנימין טייערע', **מגלגלין זכות!** נישט נאר וואס דו האסט זוכה געווען צו פארשפרייטן תורת רבינו ה'זרע שמשון' זי"ע איבער די גאנצע וועלט, און מאכן א נחת רוח לנשמת האי צדיק וקדוש. ביזטו גלייכצייטיג אויך געווען דער גוטער שליח צו ברענגען א ישועה פאר פינעף עלטערע בחורים, צו טרעפן זייערע באשערטע לאנג-ערווארטעטע שידוך! זי"ע.


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות,
צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין
צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו